# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



## מילי דחסידא

**לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה:** עס איז דא א מדרש פליאה אויפן פסוק איש כי ידור נדר לה', **הדא דתימא ימינו כצל עובר.**

טייטשט דער הייליגער **קדושת לוי** בהקדם דעם לויט דעם וואס די גמרא זאגט (נדרים י' ע"ב) אז ווען איינער איז מקדיש א קרבן זאל ער נישט זאגן לה' קרבן, נאר ער זאל זאגן **קרבן לה'**, ווייל איך האב מורא אז ער וועט שטארבן איידער ער וועט ארויסזאגן דאסווארט **קרבן**, און ער וועט ח"ו זאגן דעם שם שמים לבטלה, ווענן דעם זאגט דא דער פסוק **נדר לה'** נישט לה' **נדר** טאקע ווענן די סיבה ווייל איך האב מורא אז ער וועט שטארבן פריער.

דאס זאגט דער מדרש **איש כי ידור נדר לה'**, שטייט קודם נדר און נאכדעם לה', פארוואס הה"ד ימינו כצל עובר, ממילא דארף מען מורא האבן אויב מ'וועט ח"ו שטארבן און עס וועט זיין א שם שמים לבטלה.

## דרש דרש

**נקם נקמת בני ישראל אחר תאסף אל עמיך:** דארף מען פארשטיין דעם שייכות פון מיתת משה רבינו מיט מלחמת מדין.

ענטפערט דער **אדרת אליהו** לויט דעם וואס דער **אריה"ק** שרייבט אז משה רבינו האט געלעבט 120 יאר, ווייל ער איז געווען די '**תרומה**' פון די וועלט, און תרומה דארף א בינוני געבן איינס פון פופציג, און אז די וועלט שטייט זעקס טויזנט יאר איז א 50'סטל 120.

עס שטייט אבער אין די משנה אז עין יפה גיט תרומה איינס פון 40, תוספות אנהייב פרק האיש מקדש ברענגט א ירושלמי וואס לערנט ארויס פון באזונדערע פסוקים אז **עין יפה איז אחד מארבעים, בינונית אחד מחמשים ועין רע אחד משישים.** און דער שיעור בינונים אחד מחמשים לערנען מען ארויס פון די סדרה ביי מלחמת מדין שטייט **וממחצית בני ישראל תקח אחד אחוז מן החמישים.**

קומט אויס אז ווען נישט מלחמת מדין וואלט ווען משה רבינו געקענט האלטן אז דער שיעור תרומה איז בעין יפה איינס פון פערציג וואס דאס איז איז 150, אבער יעצט פון מלחמת מדין זעהן מיר דאך דעם שיעור בינוני אחד מחמשים, ממילא איז דאס הונדערט און צוואנציג יאר, ממילא איז נאך די מלחמת מדין אחר תאסף אל עמך.

❀

**נקם נקמת בני ישראל מאת המדינים אחר תאסף אל עמך:**

לכאורה דארף מען פארשטיין דעם שייכות צווישן די מלחמת מדין, מיט די פטירה פון משה רבינו ע"ה?

ענטפערט דער **ילקוט האורים** בהקדם וואס אין ספר **משנת דרבי אליעזר** ווערט געברענגט לויט די גמרא אין מסכת סנהדרין אז א מין האט געפרעגט אז לכאורה דער אייבערשטער כביכול איז א כהן, ווי האט ער זיך גע'טובל'ט ווען ער האט באערדיגט משה רבינו, און ער האט אויפגעדרינגען אז ער האט זיך גע'טובל'ט אין פייער, האט ער גע'טענה'עט וואו זעהן מיר אזא זאך אז מ'קען זיך טובל'ען אין פייער.

## מעשה רב

**מען דארף הערן מוסר!**

דער **שפת אמת זצ"ל** ווען ער איז געווען א יונג קינד איז ער נתגדל געווארן אין שטוב פון זיין גרויסן זיידן **הגה"ק בעל חידושי הרי"ם** זי"ע, און ער האט געהאט א שיעור יעדן פארטאגס צו לערנען מיטן זיידן א שיעור קבוע.

איינמאל האט ער אפגעשמועסט צו לערנען מיט א חבר א גאנצע נאכט און ער האט געלערנט ביז שפעט, אזוי האט ער אריינגעצויגן אינעם לערנען ביז ווען עס איז שוין געווען נאך די צייט וואס ער פלעגט געווענליך גיין לערנען מיטן זיידן.

ווען ער איז אנגעקומען צום זיידן צום לערנען, האט אים דער זיידע אריינגעגעבן א שארפן 'פסק' היתכן ער קומט שפעט, און ער פארשלאפט דעם זמן הלימוד, און ער האט אים אזוי שארף אריינגעזאגט א לענגערע צייט, און דער יונגער אייניקל איז געשטאנען מיט הכנעה און זיך צוגעהערט צו די שארפע ווערטער פונעם זיידן, און ער האט נישט גענטפערט מיט קיין איין ווארט.

הערשט שפעטער האט ער דערציילט פארן זיידן אז ער האט זיך פארלערנט מיטן חבר און ווענן דעם האט ער געשפעטיגט אנצוקומען צום לערנען מיטן זיידן.

האט זיך דער **חידושי הרי"ם** זייער געוואונדערט אויף דעם וואס ער האט אים אזוי שיין אויסגעהערט די דברי מוסר און ער האט גארנישט רעאגירט דערויף בשעת ווען ער האט אים גועזאגט די שארפע מוסר ווערטער.

האט דער **שפת אמת** גענטפערט פארן זיידן: אין פרשת מטות שטייט אז משה רבינו האט געזאגט זייער שארפע דברי מוסר ותוכחה פאר די בני גד ובני ראובן אויף דעם וואס זיי ווילן נישט אריבערגיין דעם ירדן, און ער האט געזאגט א לאנגע דרשה פול מיט דברי מוסר

האט ער אים געענפערט פונעם פסוק **כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש**, וואס דארט זעהט מען אז די שטארקסטע וועג פון טהרה איז דורך פייער.

דער מדרש זאגט אז דער רבש"ע האט איבערגערעדט משה רבינו ע"ה אז ער זאל מסכים זיין צו שטארבן, און ער האט אים געזאגט אז ער אליין כביכול וועט זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה.

מיט דעם קען מען פארשטיין דעם פסוק, ווייל אלמלי דער אייבערשטער זאגט ווען סתם אזוי פאר משה רבינו "תאסף אל עמך" אז ער גייט שטארבן, וואלט משה רבינו געהאט גרויס צער, ווייל ער האט געוואוסט אז כביכול איז א כהן, און ער קען זיך נישט ריינינגן נאך די התעסקות מיט משה רבינו, ממילא וועט ער זיך מונע זיין דערפון.

ווען דעם האט דער אייבערשטער מקדים געווען נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים, וואס דארט לערנען מיר די הלכה פון **כל אשר יבא באש תעבירו באש**, זעהן מיר פון דעם אז מ'קען יא זיך ריינינגן דורך פייער, דעמאלטס קען כביכול זיך יא מתעסק זיין מיט אים, אזוי האט משה רבינו מסכים געווען צו גיין פון די וועלט.

**אויף דעם וואס זיי ווילן טון, און די בני גד ובני ראובן האבן גארנישט געזאגט פאר משה רבינו, נאר נאכדעם וואס ער האט שוין געענדיגט די גאנצע דרשה מיט די אלע דברי מוסר, האבן זיי געזאגט אז זיי מיינען גארנישט, און זיי ווילן יא אריבערגיין דעם ירדן און העלפן אידישע קינדער מלחמה האלטן מיט די גוים.**

**שטעלט זיך די קשיא פארוואס טאקע האבן די בני גד ובני ראובן נישט תיכף געזאגט פאר משה רבינו אז זיי ווענלן יא גיין העלפן די אידן מלחמה האלטן, און זיי וואלטן דורכדעם געקענט פארשפארן צו הערן די גאנצע מוסר דרשה פון משה רבינו ע"ה?**

**"נאר וואס דען" האט דער שפת אמת אויסגעפירט "אז מען האט די זכי' צו הערן דברי מוסר פון משה רבינו, אפילו ווען אויפן פלאץ קומט זיך נישט די תוכחה, הערט מען דאס צו און מען איז דאס מקבל, ווייל צו הערן מוסר פון א צדיק קומט אלעמאל צוניץ און עס איז זייער חשוב".**

**"פאר די סיבה האב איך געוואלט הערן די מוסר וואס דער זיידע האט מיר געזאגט איבער דאס הארבקייט פון פארשלאפן די צייט ווען מען דארף אויפשטיין צום לערנען, ווייל אפילו אויב אויף די יעצטיגע מינוט איז דאס נישט אזוי ווייט נוגע געווען, וועט דאס אבער זיכער נאך אמאל שטארק צוניץ קומען, און די ווערטער זענען א געוואלדיגע טובה צו הערן".**

## מילי דאבו"ת

עס איז איינגעפירט א **מנהג ישראל תורה היא** אז אין די לאנגע זומער שבתים לערנט מען פרק שבת נאכמיטאג. פון וואנעט שטאמט דער מנהג? פארוואס לערנט מען פרק?

אין **ספר הישר לרבינו תם** (סי' מ"ה אות ו') ברענגט ער בשם **רב שר שלום גאון מתא מחסיא** אז די גאונים האבן מתקן געווען אז שבת נאכמיטאג זאל מען זאגן צידוק הדין ווייל משה רבינו ע"ה איז נסתלק געווארן שב"ק נאכמיטאג, וועגן דעם איז דא וואס פירן זיך נישט קובע זיין שיעורים בהלכה אין די צייט וועגן די הלכה פון חכם שמת וכו' (מו"ק כ"ב ע"ב) אבער דאס איז זיכער נישט קיין איסור נאר א מנהג, דעריבער ליינט מען מס' אבות, און מען לערנט די פינף פרקים שבת פאר מנחה "ומנהגם תורה היא".

אינעם סידור פון **רב סעדי' גאון** שטייט איבער דעם "ולכן ציוו חכמינו ז"ל שנלמד בו אבות, והמתנדב ללמוד מוסיף קנין תורה ויראת חטא".

פון דא זעהט זיך אויס אז דער מנהג פון לערנען פרקי אבות שטאמט נאך פון די **תקופת הגאונים** (וואס זיי זענען געווען באלד נאך די אמוראים, מיט אריבער טויזנט יאר צוריק) וואס זיי האבן דאס מתקן געווען אלס דעם וואס דעמאלטס איז געווען די פטירה פון משה רבינו. וויבאלד אלס אבילות איז אן ענין אז מ'זאל נישט קובע זיין א שיעור אין די צייט, אבער כדי עס זאל נישט זיין קיין ביטול תורה האט מען מתקן געווען אז אנשטאט דעם זאל מען לערנען פרקי אבות.

אזוי אויך פסק'עט דער **רמ"א** אין שו"ע וואס שרייבט (או"ח סי' רצ"ב ס"ב) "ונהגו שלא לקבוע מדרש בין מנחה למעריב, אבל אומרים פרק אבות בקיץ ושיר המעלות בחורף, וכל מקום לפי מנהגו".

לכאורה דארף מען פארשטיין אויב איז דער טעם צוליב אבילות אויף משה רבינו, פארוואס איז פרקי אבות יא מותר?

א שיינער הסבר אויף דעם ענין זאגט **הגאון רבי דוד לוריא זצ"ל** אין **הגהות הרד"ל** אויף די תשובות הגאונים אז "מסכת אבות און פרק קנין תורה זענען גרינגער ווי לערנען אגדה, וויבאלד זיי זענען נאר דברי מידות און מוסר".

ב) א צווייטע שיינע טעם פארוואס מען לערנט פרקי אבות, ווערט געברענגט אז דאס לערנען פרקי אבות איז גאר א שבח אויף משה רבינו, וויבאלד עס הייבט זיך אן מיט "משה קבל תורה מסיני" און עס שילדערט די השתלשלות קבלת התורה דור אחר דור, וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז מ'זאל דאס לערנען שבת נאכמיטאג, בזמן פטירת משה רבינו צו דערמאנען אז די שלשלת הקבלה ווי אזוי כלל ישראל האט מקבל געווען די תורה דור אחר דור, שטאמט טאקע פון משה רעי' מהימנא.

ג) אין **מחזור ויטרי** (סי' תכ"ד מס' אבות) שרייבט ער אזוי "ונהגו העם לשנותה בבית המדרש בין מנחה למעריב בשבת, לפי שעמי הארץ נאספים לקריאת התורה במנחה ומשמיעים אותם מידות תרומיות השנויות במס' זו פרק ליום, כלפי שאמרו חכמים בהמניח את הכד (ב"ק דף ל' ע"א) "הי ניהו חסיד מאן דמקיים מילי דאבות".

אזוי אויך שרייבט דער **מהר"ם מרוטנבורג** "מנהג בכל ישראל לומר פרקי אבות בשבת בין מנחה למעריב משום יושבי קרנות, כדי להשמיע את העם ולקרבם לתורה".

פון דעם זעהט זיך אויס אז די סיבה פון לערנען פרקי אבות האט נישט קיין ספעציעלן שייכות מיט די פטירה פון משה רבינו, און דער לימוד איז מער געאייגנט פאר די פשוטי עם, וואס די שיינע עניני מוסר ומידות פון פרק דאס זאל זיי דערנענטערן צו די תורה און שמירת המצוות.